Anny 512

Radomer-Kielcer Leben № 8 (298) „Nal. opłatę uiszczono ryczałtem" VII טער יאהרגאנג 8 זייטען

# ראדאמער-קעלצער לעבען

Radom Piątek 21 Lutego 1930

ראדאם, פרייטאג כ״ג שבט תר״ץ

פרייז 25 גראשען.

Redakcja i Admistracja
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען פרייזן:

איין מילימעטער שורה: פאר׳ן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאכ׳ן " 25 "

די ערשטע זייט צווייטעלט ...
אין טעקסט.

## עפענטליכע ערקלערונג פון רעדאקציע.

אין צוזאמענהאנג מיט׳ן בריעף און די ארטיקלען א. ד. נ. „הארצרייסענדער וועה-געשריי פון די קינדער פון בית-יתומים". ארום דעם ענין פון בית-יתומים" און „וואס הילפן די שרייער׳ס", געדרוקט אין „ראדאמער קעלצער לעבען" נומ. 269, 272, 273, וועלכע זענען געווען געווענדעט געגען „בית-יתומים" אין ראדאם — ערקלערען מיר דערמיט, אז נאך א לענגערע חקירה ודרישה האבען מיר פעסטגעשטעלט, אז די פארווארפען, וואס זענען געמאכט געווארען אויפ׳ן אדרעס פון דער פערוואלטונג פון בית-יתומים ווי אויך אויף דער פערוואלטערין פרוי האכבאום, זענען נישט געווען פולשטענדיג ריכטיג און מיר זענען אריינגעפיהרט געווארען אין א טעות דורך טענדענציעזע מענשען, וואס מיר בעדויערן זעהר. ווי די אויספארשונג האט בעוויזען איז די ארדנונג אין ראדאמער יתומים-הויז, א דאנק דער אונערמידליכער און איבערגעגעבענער ארבייט פון דער דאקטארין קאהתערא מוליער, א מוסטערהאפטע. די ערציהונג פון די קינדער, די ערנעהרונג, די קליידונג, דאס אלץ קען דינען אלס איינע פון די שענסטע ביישפילען פאר אנדערע יודישע יתומים-הייזער אין גוילען.

דער בריעף, וואו ס׳איז געווען א מעשה מיט א געשטארבען קינד איז פולשטענדיג אויסגעטראכט און שקר. די קינדער זענען אבגעארעדט געווארען דורך ביזוויליגע מענשען, וועלכע האבען פערזענליכע פרעטענזיעס צו דער פרוי האכבאום. מיר בעדויערן, וואס מיר האבען זיך געלאזט פון די דאזיגע מענשען בעאיינפלוסען און אריינציהען אין זייער פערזענליכער קאמפאניע.

מיר געפונען דעריבער פאר א חוב אויסצובעטערן דעם טעות און איבערבעטען די פערוואלטונג פון בית-יתומים מיט דער פרעזעס׳ין ד״ר פרוי קאסטהערא מוליער בראש און בעזונדערס דער פרוי האכבאום פאר אומזיסט׳ווער בעליידיגען. ס׳טהוט אונז בעזונדער׳ס לייד, וואס דאדורך איז געשעהן דער נוצליכער און מוסטערהאפטער אינסטיטוציע „בית-יתומים" א גרויסען מאטעריעלען און מאראלישען שאדען סיי אין לאנד און אויך ביי די גוטע, אפפערוויליגע לאנדסלייט אין אמעריקא. מיר פון אונזער זייט וועלען זיך בעמיהען, אויף וויפיעל ס׳איז מעגליך, דעם דאזיגען שאדען צו פעררריכטען.

אלס צייכען פון בעדויערונג און אלס אויסדרוק פון אכטונג און סימפאטיע פאר דער הערליכער און גרויסנוציגער אינסטיטוציע שענקען מיר 10 זל.

אין נאמען פון רעדאקציע „ראדאמער קעלצער לעבען"

רעד. י. מ. ה ע ר ק.

מיר דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

דער פאמיליע ווייסעלפיש

צו דעם פלוצלינגען טויט פון זייער מאן און פאטער

מרדכי נ. ע.

פירמע „צוקראספזיעדאוש"
אין ראדאם.

SPRZEDAŻ SUKNA i KORTÓW

I. ZALCMAN i I. SZ. RECHTMAN

RWAŃSKA 19 FRONT I-e piętro

מאכט בעקאנט דאס אונזער ניי געעפענט געשעפט פון טוך און קארט

איז פערזעהן מיט א רייכען אויסוואהל טאמאשאווער, ביליצער און לאדזער סחורות

בעמערקונג: אויסגעצייכענטע ביליגע פרייזען און גוטע בעדינגונגען.

מיט אכטונג

זאלצמאן עט רעכטמאן

ראדאם, רווינסקא 19.

# יודען דארפען ברויט!

דער טרויעריגער מצב און עקאנאמי־שער קריזיס פון פוילישען יודענטום, איז דאכט זיך, יעדען גוט בעקאנט. די ווירטשאפטליכע ירידה גערט מיט ריע־זיגע שריט. שנעלער נישט לפי ערך. ווי דער קריזיס פאר אנדערע בירגער אין פוילען. ס'איז דאך שוין נישט קיין סערהוילענע פאקטיק, אז די אלע הכנסה־קוואלען אין לאנד, וועלכע זע־נען צוגענגליך און אפען פאר אנדערע בירגער, זענען פאר יודען פערשלאסען. געבליבען איז נור דער מסחר. אבער אויך מיט דער איינציגער פרנסה־צווייג ווערט מייסטערהאפט אנגעפיהרט אזוי, דאס די פעטלע ארום האלדז פונ'ם יודישען סוחר, ווערט מיט יעדען טאג אלץ ענגער, אז ס'איז פשוט דערשטיקט צו ווערען.

אין עצות ווי אזוי ארויס צו רייסען די פרנסה פון סוינענדער יודישע מש־פחות זענען דאך פערהאן פערשידענע מכל המינים. נאטירליך אלץ לויט'ן געזעץ. ווי פאנאנדאלען, קאנצעסיעס, שטייערען כל־ערליי און אזוי ווייטער. די מיטלען זענען אויסגעפרובטע און זיי בעווירקען טאקי שטענדיג.

וואס זשע וואלט מען צו אזא טרוי־ריגע ערשיינונג געדארפט טון און וואס וואלטען די יודישע פארשטעהער, דע־פוטאטען און פארטיי־אנפיהרער גע־דארפט עוסק זיין אין אזא עת־צרה? דאכט זיך, אז ס'איז קיין צוויי מיי־נונגען נישט פערהאן, ווייל עס טאר נישט עקזיסטירען אין אזא צייט קיין אנדערע מיינונגען דאס מען האט נור געדארפט טראכטען און זוכען עצות ווי אזוי צו דערהאלטען די פרנסות ביי יודען און ווי אזוי אפצוראטעווען טוי־זענדער און צעהנטויזענדער יודישע משפחות פון עקאנאמישען חורבן!

אין דער ווירקליכקייט אבער איז עס נאר להיפך.

פערשידענע פארטיי־אנפיהרער קעמ־פען ווגעגען א קוצו של יוד פון פאלי־טישען פראגראם ווייטערען.

דערווייל אבער ווערט ארויסגעריי־סען דער לעצטער ביסען ברויט פון יודישען מויל און אונזערע פערזארגער זענען פערנומען מיט זייערע פראג־ראמען.

צי איז דאס אבער מעגליך אויפצו־האלטען לענגער אין אזא אונערטרעג־ליכער לאגע

יא, געוויסע יודען־פרעסער דרייבען זיך פאר נחת די הענד, וואס אונזערע מנהיגים זענען אזוי שטארק פערבלענד און שלעפען מיט זייער בלינדער פאלי־טיק, די ברייטע יודישע מאסען אלץ טיעפער אין אפגרונד און וויבאלד עס וועט נאך לענגער אזוי אנהאלטען, קע־נען מיר פערשלינגען ווערען אין טיע־פען תהום.

ניין, נישט דאס איז דער וועג און נישט אזוי וועט קומען די רעטונג פארן פוילישען יודענטום!

א סוף מוז עס נעמען צו די סכא־לאסטישע פארטיי־ערופרייסעניישען. די יודישע גאס איז שוין איבערזעטיגט מיט אלערליי פאליטישע פראג־ראמען.

א סוף זאל עס נעמען צו דער פאָ־ליטיקעריי!

די איינציגע לאזונג, וואס דארף נאך אפראטעווען די יודישע מאסען אין פוילען פון פערניכטונג איז:

**ברויט פאר דער יודישער בעפעלקערונג!**

זאלען פערגעסען ווערען אויף דער צייט פון רעטונג די ענגע אני מאמינ'ס פון די פערשידענע יודישע פארטייען. זאלען אבגעווישט ווערען דער אונטער־שיד פון ציונים, אגודה, און נאך ווי זיי הייסען. זאל אויפגעשריבען ווערען אויף דער רעטונגס־פאהן פאר'ן פוילי־שען יודענטום די לאזונג פון **עקא־נאמישער און ווירטשאפטלי־כער דערהאלטונג.**

פקוח נפש איז אלץ דוחה און אפילו פאליטישע פראגראמען!...

ס'דארף צוזאמענגערופען ווערען א יודישע קאנפערענץ פון פוילען כדי צו ראטעווען דאס, וואס מען קען נאך ראטעווען ווי לאנג ס'איז נאך צייט!

די יודישע מאסען דארפען ברויט!

**מ. וואַרשאַווסקי.**

Biuro Prośb i Podań
p. f. „PROLITEX“
RADOM, WAŁOWA 5, oficyna 1-sze piętro.
ZAŁATWIA:
Sprawy paszportowe
Mieszkaniowe
Wszelkie Tłomaczenie
i inne.
Redaguje Podania:
Do Władz Sądowych
Skarbowych
Administracyjnych
i Wojskowych.
Windykacja należności w całej Polsce.
Informacja o zdolności kredytowej
Przepisywanie na maszynach.

# טאג = בוך פון א ראדאמער זעלבסטמערדער.

## מיין ערשטער זוהן — אבער וועמענס איז ער?...

די געשיכטע מיט'ן פאסקען־באל איז פארגעקומען נישט לאנג נאך מיין חתונה. ס'איז אפשר נישט געווען נאך קיין גאנץ האלב יאהר. איך האב וואס אנ'אמת נישט אויסגעהערט צו פארשען איך האב מיט אנ'אויסערגעוועהנליכע עקשנות נאכגעפאלט מיין פרוי אויף יעדען שריט איהרען. אבער איך בין מעהר נישט דערגאנגען. ס'זענען אוועק האכען חדשים, מיין פרוי האט זיכער געטראכט ביי זיך, אז איך האב בע־שטימט אן אלעס פערגעסען. זי האט אבער געהאט א טעות אין מיר. אין יעדען אבר מיינעם האט געצאפעלט א ווא־יעם, וואס האט צעגאסען אין מיר א ים פון חשד און איפערזיכט. איך האב געהאנדעלט, געוואנדעלט, געהאט געשעפטען מיט פערשידענע סוחרים. איגע און טרעסדע. איך האב גוט פער־דיענט. געפיהרט א ברייט הויז און אויף ווייטער נישט געשפארט מיין פרוי'ס געוועלשאפט וואס פלעגט אפט פערקעהרען ביי מיר אין שטוב. קיינער פון מיין פרוי'ס בעקאנטע אזוי די פרויען אין אזוי די מענער האבען אן מיר גארנישט דערקענט. אפילו רעם מינדעסטען שפור פון אומרוהיגקייט האב איך אין זיך דערשטיקט אז אלע זענען זיי זיכער געווען, אז צווישען מיר און מיין פרוי הערשט א זיסע אידיליע און, אז איך האב רעם פול־קאמען צוטרוי צו מיין פרוי.

איך האב פאר קיינעם גארנישט פערטרויט איך האב מיט קיינעם פון מיין פרוי'ס הויז פריינד א ווארט נישט איבערגערעדט וועגען באל. יא, הען די הויז־פריינד פלעגען זיך צו מיר צוגויפקומען וואס מיין פרוי בעלאנט סאלי'ן ווערטער און זיך גע'ערות'ט מיט איהרע בעקאנטע: נו, וואס זאגט איהר צו די ראדאמער פליאטקאזשעס? אט וואס הייסט ,,בעזושטעלנאָשטש" צו נעמען אזא פרוי ווי איך בין און אויפטראכטען אויף איהר אזא פרעכ־הייט.

איהרע בעקאנטע האבען זיך מאמענ־טאל אריענטירט און אלע ווי איינער האבען אויסגעשאסען:

— צא זא פיטאני! שווינסטווא, פע! דאס זענען נידערטרעכטיגע מענשען — און בשעת מעשה האבען אלע געקוקט אויף מיר, שטודירענדיג יעדען שטריך פון מיין פנים

איך האב זיך גארנישט אנגערופען. נאר מיט געוואלד ארויסגעפרעסט א שמייכעל. האט וואס פשוט געבריהט מיין פנים. מיט מיין שמייכעל האב איך געוואלט אונטערשטרייכען, אז איך מאך זיך פון גארנישט און ס'איז ביי מיר נישט מעהר ווי א געלעכטער. קוי־קענדיג אויף מיר האט זיך א טייל דיסקרעט פונאנדערגעלאכט און זיך געהיימניספול איבערגעקוקט מיט מיין פרוי. איך האב פערשטאנען וואס דאס בעדייט און זיך דערפיהלט מאדנע שלעכט. מיט מיין אינסטינקט האב איך דערשפירט ווי דאס לאכט מען פון מיר און זיי קוקען אויף מיר ווי אויף א אידיאט. וועמען מ'קאן גרינג אנפריי־ערען און פערראטען אונטער די פליי־צעס. די הערדן פון דער געזעלשאפט, וואס האבען זיך אויפ'ן ווינק איבער־געררעדט מיט מיין פרוי האבען געמיינט, אז איך בעמערק נישט זייערע כיטרע, גניבה'שע שמייכלען, וואס זיי ווארפען צו פון דער זייט צו מיין פרוי, קוקענ־דיג גלייכצייטיג אויף מיר. איך האב זיך טאקע נישט געמאכט קוקען, אבער

פרעזעס — ל. דאנציגער.

עס ווערט נאך בעשלאָסען, אז די מיטגלידער, וואָס האָבען נאך נישט בעצאָהלט פאַר די פייען, און פאַל זיי וועלען נישט בעצאָהלען ביז דער קומענדער אלגעמיינער פערזאמלונג וועלען אויטאָמאַטיש אויסגעשלאָסען אלס מיטגלידער פון דער קאַסע.

לויט דעם בעריכט האָט יעצט די באַנק אייגענע קאַפּיטאַלען א ערך 12.000 זל. פּקדונות 70.000 זל., 230 מיטגלידער מיט 400 פייען.

נאך די ערגענצונג'ס-וואהלען שטעלט זיך די לייטונג פון דער קאסע פאָר:

פערוואלטונג: יהודה שטיינמאַן — פּרעזעס, מאיר גראַנעק — וויצע, יוסף שטיינמאַן. פערטרעטער: מיכאל אָפּענהיים, אלימלך פישמאַן, לייבוש דאַנציגער, אויפזיכט'ס-ראָט: אברהם ברעסלער — פּאָרזיצענדער, אליהו קאַלקשטיין און משה יעקב פרידמאַן — וויצע. אהרן קאַלינסקי, משה צוקערמאַן, מרדכי לייב פישמאַן. פערטרעטער: יחיאל טייכמאַן, אברהם באַקמאַן, שמואל צוקער.

# די הכנסות פון „קרן היסוד" אין פוילען אין חודש יאַנואַר.

## קעלצער וואָיעוואָדסטווע אויפ'ן ערשטען אָרט.

דאָס צענטראַל-ביוראָ פון „קרן-היסוד" אין פוילען בעט אונז צו מעלדען, אז אין חודש יאַנואַר זענען ביי איהר איינגעפלאָסען אין גאַנצען פון 220 שטעדט א סומע 121.533.33 זל. דערונטער בלויז פון קעלצער וואָיעוואָדזשטווא א סכום פון 31.080.92 זלאָטעס.

צווישען די 21 שטעדט, וואָס האָבען אין דעם פערגאַנגענעם חודש אריינגעשיקט איבער 1.000 זל. געפינען מיר פאָלגענדע שטעדט פון קעלצער וואָיעוואָדזשטווא:

בענדין — 17.102.81 זל., ראַדאָם — 3.926.14 זל., טשענסטאָכאָוו — 2.492.25 זל., סאָסנאָוויעץ — 1.906.22 זל. און קעלץ — 1.256.66 זלאָטעס.




# פון „לינת הצדק".

## קאָמוניקאַט.

אויף דער לעצטער זיצונג פון דער פערוואלטונג איז בעשלאָסען געוואָרען אינטערזונעמען א ווערבירונג'ס-אקציע פון נייע מיטגלידער.

ס'איז אויך אָנגענומען געוואָרען דורכצופיהרען א פורים-אקציע, וואָס בעשטעהט אין דעם, וואָס פורים ביי דער סעודה וועלען די ראַדאָמער יידישע איינוואוינער בעזוכט ווערען דורך פערוואלטונג'ס-מיטגלידער פון „לינת-הצדק".

די פערוואלטונג ווענדעט זיך אויף דעם וועג צו דער ראַדאָמער יידישער בעפעלקערונג מיט א בקשה צו געצאָהלען רעגולער דעם מיטגליד'ס-אָבצאָהל.

# פערבאַנד פון אקאדעמיקער-ציוניסטען.

אין ראַדאָם איז געגרינדעט געוואָרען א פערבאַנד פון אקאדעמיקער-ציוניסטען מיט'ן נאָמען „תחיה".

די צייטווייליגע פערוואלטונג האָט זיך קאָנסטיטואירט אין'ם פאָלגענדען צוזאַמענשטעל: ש. ראָזענבערג (פּרעזעס) א. גאָסטינסקא (קאַסירער) א. שיצער (סעקרעטאַר).

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאָרשטעהענדער אקציע צו ווערבירען מיטגלידער, אָרדענט איין דער פערבאַנד איינעם פרייטאָג דעם 21/2 7 אָוונד אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (לובלינער 25) א פערזאַמלונג, אויף וועלכע וועט ווערען דעם ציעל פון פערבאַנד וועלען רעפערירען די ח"ח ראָזענבערג, פינעס, שיצער.

איינטערעס פאַר אקאדעמיקער — פריי.

איינשרייבונגען נעמט-אָן דער סעקרעטאַריאַט מאָנטאַג און דאָנערשטאַג פון 8 אָוונד אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

# פּערזענליכע ערקלערונג.

אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין אַרטיקעל אונטער'ן טיטול „איבער די 50-ער גראָשענס האָבען מיר אודאי צו זאָגען", וועלכעס איז ערשינען דעם לעצטען פרייטאָג אין „ראַדאָמער-קעלצער לעבען". געפין איך פאַר א חוב אויסצודריקען מיין טיפסטען דאַנק דער פאָרשטעהערשאַפט פון דער קאַסע קרעדיטאָווע („פּאָפּולערע ציונים באַנק) אין ראַדאָם לובלינער № 25 פאַר זייער אנערקענען מיין גערעכטען פאָרשלאָג דורך סובסידירען דעם ראַדאָמער סותרים-פעראיין און באַראַלישע טאַטיספאַקציע און ערמוטיגט מיך צו שטעהן אונטערשטיצט אויף דער וואך פון די ראַדאָמער סותרים-אינטערעסען.

איך האָב גלייכצייטיג דעם כבוד זיך צו ווענדען צו אלע אָהן אויסנאַהם אויפ'ן ראַדאָמער פּלאַץ עגזיסטירענדע יידישע קאָאָפּעראַטיווע באַנק-פאָרשטעהערשאַפטען האַפּענדיג אויף זייער צושטימונג לויט ביישפּיל פון דער אויבענדערמאָהנטער באַנק.

מיט אכטונג
אברהם פינקעלשטיין.

דאַקטוירים האָבען ערקלערט, אז מיין פרוי האָט געהאַט א אויסערגעוועהנליכע „שטשענשטשע". זי איז געווען, האָבען זיי געזאָגט, מעהר אויף יענער וועלט ווי אויף דער וועלט. און, אז ס'זענען שיער נישט פערשפּילט געוואָרען צוויי נפשות: — פאַניע מ. — האָבען זיי זיך געווענדעט צו מיר — איהר זענט א גליקליכער מענש. צור בּעסקע, פּלאָחאַ וואַנאַרו, — האָט יעדער פון זיי צוגעגעבען דריקענדיג מיר די האַנד מיט בעגריסונג.

אין איינינע שעה ארום האָט מען מיין שוואַכער צוגעפיהרט צום בעט פון דער געווינערין, גלייכצייטיג ווי זי איז געקומען צו זיך. מ'האָט מיר געוויזען דאָס ניי-געבוירענע קינד. אָבער ווי נאָר כ'האָב עס דערזעהן האָט מיר א שטאָך געטוהן אונטער'ן האַרץ. אמת, ס'איז הינדערבאַר שעהן. אָבער... איך האָב מעהר נישט געקענט ציהען דעם געדאַנק און די גאַנצע שטוב מיט אלע מענשען, מיט די קינדערצימערן מיט'ן קינד האָבען זיך פאַר מיינע אויגען גענומען דרעהען ווי א קאַרוזעלע. איך בין שיער נישט אנידערגעפאַלען און קוים זיך צוגעשלעפּט צום טיש, און וועלכען כ'האָב מיך אָנגעהאַלטען מיט אלע מיינע כחות.

אלע שטובינע האָבען גלייך דערקענט, אז מיר איז עפּיס נישט גוט און זיי האָבען אויף מיר גענומען ביזען האַסער. ס'איז געוואָרען שטיל. מ'האָט נישט געוואָלט די געווינערין זאָל פון עפּעס · וואָס זיך דערוויסען. זי איז נאך שוואַך און ס'קען אויף איהר שלעכט ווירקען. איך האָב באַלד דערנאך אלעמען בערוהיגט, אז ס'איז מיר גאָרנישט, כ'בין אָנגעשטרענגט פון עטליכע נעכט נישט שלאָפען און אריסגעהענדיג פון שטוב האָב איך ערקלערט, אז איך געה זיך א ביסעל אויסגעהן אויף דער פרישער לופט אין דרויסען.

ארויסקומענדיג אין גאַס האָט מיר ערשט א שווינדעל געטוהן אין קאָפּ און לויפענדיג אויף די ליידיגע ראַדאָמער גאַסען, וואָס זענען געלעגען איינגעזונקען אין א פינסטערען טיפען שלאָף, האָב איך געשריגען אין דער נאַכט אריין: וואָס זענען דאָס פאַר א אויגען? וואָס זענען דאָס פאַר א האָר? וועמענס אויגען זענען דאָס און וועמענס האָר זענען דאָס? יאָ, יאָ, יאָ, איך האָב פערגעסען — האָב איך געקלאַפּט א צאָהן אָן א צאָהן. — און צו וועמען איז דאָס פּנים ענהליך? ניין, ניין, ניין, נישט מיינע אויגען, נישט מיינע האָר, נישט מיין פּנים. ניין, ניין, אויך נישט איהרע אויגען, נישט איהרע האָר און נישט איהר פּנים. — אלץ איז שוואַרץ · האָב איך איינגעזען געציטערט און לויפענדיג שוין הינטער דער שטאָדט האָב איך זיך וואָרפען היסע אָבגעהאַקטע ווערטער — אלץ איז שוואַרץ, די אויגען, די האָר, דאָס פּנים. יאָ שוואַרץ ווי די נאַכט, א טייוועל איז עס. נישט קיין קינד,

# פאר בעליידיגען דעם מארשאל פילסודסקי.

## פראצעס געגען רעדאקטאר פון „זשיציע ראבאטניטשע“ אין ראדאמער קרייז-געריכט.

מיט עטליכע טעג צוריק האט דאס ראדאמער קרייז-געריכט בעטראכט א פראצעס געגען רעדאקטאר פון היגען פ. פ. ס.'ישען ארגאן „זשיציע ראבאטניטשע“, הענריק קוליג. פאר אבדרוקען אן ארטיקעל א. נ. „דער גרעסטער אין א פאלק פון אידיאטען און 8 מיליאן זלאטעס“.

אין דעם ארטיקעל האט די פראקוראטארישע מאכט איינגעפונען דריי פערברעכענס: פאר פערשפרייטען דורך דער צייטונג בעהאופטיגיג פאלשע ידיעות, אז די רעגירונג פון מארשאל פילסודסקי האט אויסגעגעבען 8 מיליאן זל. מלוכה'שע געלדער אויף די וואהלען פאר דעם אונפארטייאישען בלאק (בעבע). פאר בעליידיגען דעם מארשאל פילסודסקי דורכ'ן אנרופען איהם „דער גרעסטער אין פאלק פון אידיאטען“ אין גענזענטיפלעך און פאר פארווארפען דעם מארשאל פילסודסקי, אז ער טאלערירט פעררעטער און גנבים.

אויף דער געריכט'ס-פערהאנדלונג האט דער פארשטעהער פון דער פראקוראטור אונטערגעשטיצט די בעשולדיגונג, און געפאדערט צו בעשטראפען דעם רעד. קוליג פאר אלע דריי בעשולדיגטע פערברעכענס.

פערטיידיגט דעם רעד. קוליג האט אדוו. זדזשיטאוויעצקי, וועלכער האט זיך בעמיהט אפצושוואכען די בעשולדיגונגען.

דער אנגעקלאגטער רעדאקטאר האט זיך צו דער שולד נישט מודה געווען, ערקלערענדיג, אז דאס פערעפענטליכען דאס איבענדערמאנטע ארטיקעל האט ער בעטראכט און בעטראכט אויך יעצט פאר זיין זשורנאליסטישען חוב.

נאך א שעה'דיגע בעראטונג האט דאס געריכט ארויסגעגעבען א פסק, לויט וועלכען רעדאקטאר קוליג איז פעראורטיילט געווארען אויף איין חודש תפיסה אויסשליסליך נאר פאר בעליידיגען דעם מארשאל פילסודסקי גופא. פון די איבריגע בעשולדיגונגס-פארוואורפען האט דאס געריכט איהם בעפרייט.

דער פערטיידיגער האט נאכ'ן אויסלייענען דעם אורטייל געמעלדען, אז דער פער'משפט'ער טראגט אריין אנ'אפעלאציע.

---

# ראדאמער לאנדסלייט פון אמעריקא שענקען 440 דאלאר לטובת דעם היגען בית יתומים.

די ראדאמער לאנדסלייט אין אמעריקא, ה"ה ראדאמסקי, פאמעראנץ, וועלכע תיילען היינט אין ראדאם, האבען גע-געבען דער פרעזעסין ד"ר קסאווערא מוליער 415 דאלאר לטובת דעם היגען בית-יתומים, און ה' פאמעראנץ האט פון זיין אייגענעם טאש צוגעגעבען 25 דאלאר אויף איינצוארדנען א טעלעפאהן אין בית-יתומים.

די ה"ה ראדאמסקי, פאמעראנץ האבען פון זייער זייט צוגעזאגט, אז קומענדיג קיין אמעריקא וועלען זיי ארגאניזירען א זאמעל-אקציע פון 1000 דאלאר לטובת דעם ראדאמער בית-יתומים.

די פערוואלטונג פון בית-יתומים דריקט אויס אויף דעם וועג דעם הערצליכסטען דאנק די ה"ה ראדאמסקי, פאמעראנץ פאר זייער שטענדיג פער-אינטערעסירען זיך און פאר זייער גע-דענקען תמיד אן די וויכטיגסטע אינס-טיטוציעס פון זייער אלטער היים.

---

# ראדאמער דעלעגאטען אויף דער מאנופאקטוריסטען-קאנפערענץ אין ווארשא.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם, וואס אין ווארשא קומט פאר דעם 2–3 מערץ א קאנפערענץ פון דער מאנופאקטור-בראנזשע אין פוילען, האט דער צענטראלער ווארשאווער סוחרים-פעראיין אויך איינגעלאדענט דעלעגא-טען פון ראדאם פון דער זעלבער בראנזשע.

היינטיגען דינסטאג האט דער פרע-זעס פון דער ראדאמער מאנופאקטור-סעקציע, ח' שמואל ראזענבערג, גע-רופען א זיצונג אויף וועלכע ס'איז בעשלאסען געווארען צו שיקען אויף דער קאנפערענץ פאלגענדע 4 דעלע-גאטען: שמואל ראזענבערג, שלמה קורץ, מענדעל פינקלער, אברהם פוקס.

---

## די איינציגע זארג

פון עלטערן איז אין די ערשטע רייהע אבצוהיטען זייער נחת פון קרענק פון די אייגענשאפטליכע עלטער.

ווי מיר וויסען פון די ערפאהרונג. אין די ערשטע ערשיינונג פון שוואכ-קייטען דאס העכערונג פון די טעמפע-ראטור. אין אזעלכע פאלען דארף מען אלעמערשטען מעסטען דאס ווארימקייט מיט דעם פיהלבארסטען און נישט פער-סירבארען טערמאמעטער „Kramera“ וואס ערמעגליכט פון די ערשטע מי-נוט אן א געהעריגע היילונג צו די קרענק.

ד"ר ל. ק.


די שענסטע
טאפעטען
צו זעהר בילינע פרייזען
קען מען נור בעקומען
אין דער לאנג-יעהריגער פירמע
ש. שטיינמאן
ראדאם, לובלינער 21.




---

טיף געריהרט פון פריהצייטיגען טויט פון אונזער שכן און פריינד

## מרדכי ווייסעלפיש ז"ל

דריקען מיר אויס מיטגעפיהל דער פרוי און פאמיליע.

**איתמר אדלער, יאקוב אדלער.**

---

א טייוועל איז אריין צו מיר אין שטוב. —

איך האב זיך דערשראקען פאר זיך אליין. איך האב געמיינט, אז כ'בין משוגע געווארען. כ'האב נישט געוויסט ווי אזוי און ווען, און דא בין איך שוין פערבלאנדזשעט אויף ווייסטע פעלדער און וועלדער. דער גאנצער ארום איז א שטיק חושך. א בילעריי פון היגד, א מיאקעריי פון קעץ. א אויטטערלישע אימה בעפאלט מיך. איך וויל אנטלויפען צוריק אין שטאדט אבער מיין קאפ איז צעמישט און אנ-שטאט צו דער שטאדט לויף איך וואס טיפער אין וואלד. אלץ אויף מיר ברענט, איך פיהל גארנישט ארום זיך. איך הער נישט קיינעם, וויל מיין גע-וויין פערשרייט אלץ און פערטויבט אלץ. ראפטום דערזעה איך א הויכען, שווארצען דיז, לויף צו צו איהם, נעם איהם ארום און טרייסעל איהם מיט נגבעט און צארען: גאטספאדין פולקאווניק, וואס האסטו געוואלט פון מיר. דאס שווארצע קינד איז דאך דיינס. קום מיט מיר א היים און וועסט עס דיר נעמען — איך גיב זיך א באס אויף, קום צו זיך א ביסעל און גיב א פאל-צוריק. — ס'איז דאך א בוים און וואס האב איך דא ערשט ארויסגערעדט? וואס פאר א פולקאווניק האבען מיינע ליפען אויס-געברומט? אבער מיינע געהירען טהוען זיך נאך שטארקער א ציגד-אן און א ווילדער קאראכאד הויבט-אן ארומטאנ-צען אין מיין צוגליהטען קאפ און פאר מיינע א'גען שוועבען בילדער, ביל-דער, בילדער. איינס שטארקער פאר'ן צווייטען. איינס שרעקליכער פאר'ן צווייטען. אט זעה איך דעם מאסקען-באל, דעם פולקאווניק זשאנדארמסקי, — מיין פרוי דעם הוטעל... אלץ, אלץ זעה איך און פון מיר נעמט שרייען — א קול ווי א דביק: — געוואלד, פאר העמען האב איך געבעטען רחמים און געגאסען מיט טרערען פאר'ן ארון-קודש? פאר וועמען האב איך מיר גע-קלאפט על חטא? און פאר וועמען האב איך געזאגט תהלים און מתפלל געווען וואלגערענדיג זיך אויף דער ערד א'ך שטיבעל?

— גע—וואַ—לד! גע—וואַ—לד! גע—וואַ—לד! — ווענעמס אין דאס קינד? וועמענס? וועמענס? וועמענס? —

האב איך זיך געריסען די האר פון קאפ און געשפרונגען ווי א משוגענער איבער טהאלען און בערג אין דער פינסטערער, איה'ה'דיגער נאכט.

(פארטזעצונג קומט).

## צו פערדינגען

דער זאהל פון סוחרים-פעראיין איז צו פערדינגען אויף דירה-געלד אויף א קאנצעלאריע פאר א אדוואקאט, דאקטאר א. אז. וו.

דער זאהל קאן זיין צו דער דיספאזיציע פון 9 פריה ביז 6 אווענד. אינפארמירען קאן מען זיך ביים גאספאדאזש פון סוחרים-פעראיין ה' שמואל ראזענבערג רווינסקא 21.

## 2 צימערן מיט א קוך צו פערדינגען

ערפאהרען זיך אין דער רעדאקציע אונטער M.

## צו פערדינגען
### א צימער מיט א קיך

לוב. 30

ערקינדיגען זיך ביים הויז-וועכטער.

ס'ווערט געזוכט פעהיגע פערטרעטער אויף צו פערקויפען פרעמיעס אויף ראטעס. זיכערע פערדינסטען.

Gospodarczy Zakład Kredytowy Lwów Wałowa 11"

אינקאסירט אויך אין וועקסעל-חובות.

## KINO NOWE CZARY w RADOMIU

Od poniedziałku 24 lutego b. r.

I.

# Żelazna Maska

ראמאנטישער דראמאט פון 17-ען יאהרהונדערט פון דער טרילאגיע

A. DUMAS'A (Ojca)

אין דער שפיץ **DOUGLAS FAIRBANKS.**

הערליכע לעגענדע, וואס פער'כשופ'ט און שילדערט די פערצייטישע יאהרען, ווען דאס הארץ און דער כבוד האט געהאנגען אין די שארפקייט פון דער שווערד, ווען דער ריטערליכער שטאלץ איז געווען חשוב'ער ווי געלד, אדער ברויט. די צייטען זענען פערשטעהט זיך שוין לאנג אוועק...

II.

דער אלעמען-באליבטער **TOM MIX** אין זיין נייער קרעאציע

## RYCERZ bez SKAZY

## Kino „ODEON" Teatr.

Od poniedziałku d. 24 Lutego b. r.

Anonsujemy najświeższą nowość sezonu

pod tytułem:

## NAJWIĘKSZA
# OFIARA KOBIETY

Film o cudnym kolorycie wshodu.

Film o nadzwyczaj silnej i niepowszedniej treści.

Na przepięknem egzotycznem tle kolonji francuskich, snuje się dramat cudnej kobiety nie umiejącej kupczyć własnem sercem.

Film obfituje w momenty tak tragiczne, tak mocne w wykonaniu, że wzruszyć musi każdego.

W ROLACH GŁÓWNYCH:

czarująca ulubienica **Bilie Dove,** przemiły **Antonio Moreno**

i szatański, pamiętny z „Arki Noego" **Noah Beerry.**

Drugi program równorzędny:

**KEN MAYNARD** i cudowny konik **Tarzan**

w najświeższym swym obrazie, p. t.

## ZŁOTO KALIFORNJI.

Świetna orkiestra pod dyrekcją J. Szymkiewicza

## ABSOLWENT — Szkoły Handlowej,

młody rutynowany buchalter i korespondent

— z długoletnią praktyką —

biegle piszący na maszynie, poszukuje posady stałej, lub na godziny.

Zgłoszenia skierować do administracji pod „Buchalter".

## Kino „ŚWIT" Teatr

Od dnia 17 Lutego i dni następnych

## DZIEWCZĘ z ARGENTYNY

w rolach głównych: Olive Borden i Ralpr Graves.

Nad program! Noc zgrozy i tajemnic

## ZDOLNI AGENCI LOSOWI

zarobią miesięcznie do 2000 zł.

przy sprzedaży obligacji państwowych na raty.

Płacimy najwyższą prowizję. Zdolnym stałą gażę, patent, koszta podróży

Początkujących pouczamy.

Zgłoszenia: BANK LUDOWY, STANISŁAWÓW.










## Kino CORSO Teatr

Dziś i dni następnych

## ULICA
## ZATRACONYCH DUSZ

z naszą wielką rodaczką

POLĄ NEGRI w roli głównej

Nad program! Raz w życiu.

## Kino NOWE CZARY Teatr

Dziś i dni następnych

Najwybitniejszy film sezonu

## OSTATNI SYN

z Margaretą Mann.

oraz CLARA BOW

w doskonałej komedji-farsie

**Miłość bez grosza**

## Kino ODEON Teatr

Od poniedziałku dn. 17 Lutego

## WIEŻA
## MIŁOŚCI

w rolach głównych

John Barrymore,

Mary Astor, Estela Taylor i inn.

Felczer H. GRINSZTAJN Radom, Lubelska 30.

